אנדענקונגס-
# פראגראם

## בית הספר „הר הצופים"

דער עלטערן- און מיטגלידער-פארבאנד

פרעזענטירט

# „בערבות הנגב"

(אין די וויסטעס פון נגב)

דראמע אין 3 אקטן, 6 בילדער

פון

יגאל מאסינזאן

יידיש:

אלעזר סוכאוואלסקי

אין דער אויפפירונג פון

## רחל האָלצער

מיטן פאריייניקטן טעאטער-קרייז א.ג. פון דוד הערמאן

שבת, דעם 2טן סעפטעמבער, אין יוניאן-טעאטער
מעלבורנער אוניווערזיטעט

---

SOUVENIR PROGRAMME

## בית הספר „הר הצופים"

**MOUNT SCOPUS COLLEGE ★ Parents' & Subscribers' Association**

present

# „בערבות הנגב"

# "IN THE DESERT OF THE NEGEV"

A Play in 3 Acts, 6 Scenes.

By: J. MOSINSON
Yiddish: L. SUCHOWOLSKI

STARRING

# RACHEL HOLCER

with the DAVID HERMAN THEATRE GROUP

★ ★ ★

at the UNION THEATRE,
on SATURDAY, SEPTEMBER 2nd, 1950

# RACHEL HOLCER

as Rivkah, the wife of Abraham, Commandant of the Kibbutz



# רחל האָלצער

אלס רבקה, די פרוי פון אברהם, קאמענדאנט פון בקעת־יואב

## A brief account of Rachel Holcer's Theatrical work.

**In 1926 Rachel Holcer's career on the Yiddish stage was commenced at the Krakow Yiddish Art Theatre, under Jonas Turkov. The next season she worked with the Villner Troupe, in Lemberg; the following two seasons with A. Morevski and Lydia Potoka in Krakow and Lemberg.**

**From 1929 for the next ten years, Rachel Holcer, remained in Warsaw, where she worked with such actors as David Herman. Zigmund, Turkov, Dr. M. Waichert, Ida Kaminska, Alexander Granach, Paul Baratov, Kurt Katch and and many others. In addition to playing the lead in the first Yiddish talkie "Al Het," she appeared with great success in Recitals throughout Poland.**

**Early in 1939 Rachel Holcer toured Europe, before coming to Australia where on arriving she was forced to remain on account of the war.**

**On settling in Melbourne, she commenced stage work with the David Herman Theatre Group at the Kadimah, producing and acting in a number of plays such as:—"The Mother" by Karl Chapek, "Madame Lawyer" by Vernelle, "The Shadow" by Nikodemi, "The Father" by Strindberg, "Mirelle Efros" by Gordon and her last production "B'Arvot Havegen" by J. Mosinson.**

**May much success and a Bon Voyage accompany Rachel Holcer on her trip to Israel and the Continent.**

### רחל האָלצער'ס טעאַטער־טעטיקייט

רחל האָלצער האָט אָנגעהויבן איר אַרבעט אויף דער יידישער בינע אין 1926 אין קראָקעווער יידישן קונסט־טעאַטער, אונטער דער אָנפירונג פון יאָנאַס טורקאָוו.

אַ סעזאָן שפּעטער שפּילט זי מיט דער „ווילנער טרופּע" אין לעמבערג. דערנאָך צוויי סעזאָנען מיט א. מאָרעווסקי און לידיאַ פּאָטאָצקאַ אין קראָקע און אין לעמבערג.

אין 1929 באַזעצט זיך רחל האָלצער אין וואַרשע, וווּ זי בלייבט ביזן אָנהויב 1939.

פאַר די צען יאָר שפּילט די קינסטלערין און גאַסטראָלירט אין אַ רייע דראַמאַטישע טעאַטערן אין וואַרשע, ווי אויך אין טורנייען אויף דער פּוילישער פּראָווינץ.

רחל האָלצער האָט מיטגעאַרבעט מיט: דוד הערמאַן, זיגמונט טורקאָוו, דר. מ. ווייכערט, אידאַ קאַמינסקאַ, אַלעקסאַנדער גראַנאַך, פּאַול באַראַטאָוו, קורט קאַטש און אַ רייע אַנדערע באַקאַנטע קינסטלער און רעזשיסערן אין יידישן טעאַטער.

רחל האָלצער האָט געשפּילט איינע פון די הויפּט־ראָלן אין ערשטן יידיש־רעדנדיקן פילם „על חטא".

רחל האָלצער, וועלכע האָט געווידמעט אַ גרויסן טייל פון איר אַקטיאָרישער טעטיקייט דער רעציטאַציע־קונסט, איז פיל מאָל אויפגעטראָטן מיט אירע וואָרט־קאָנצערטן, מיט גרויס דערפאָלג, איבער צענדליקער שטעט און שטעטלעך אין פּוילן. אין אָנהויב 1939 איז די קינסטלערין אַרויסגעפאָרן אויף אַ טורניי קיין אויסלאַנד. אירע קאָנצערטן זענען פאָרגעקומען אין: פּאַריז, בריסל, אַנטווערפּן און אַמסטערדאַם. און אין אויסטראַליע — אין מעלבורן און סידנעי.

די מלחמה האָט רחל האָלצער פאַרהאַלטן אין אויסטראַליע, וווּ זי איז אויפגעטראָטן מיט אַ גאַנצער רייע וואָרט־קאָנצערטן.

איר בינע־טעטיקייט דאָ האָט רחל האָלצער פאַרבונדן מיטן פאַראייניקטן טעאַטער־קרייז א. נ. דוד הערמאַן ביי דער קדימה. זי האָט דאָ רעזשיסירט און מיטגעשפּילט אין אַ גאַנצער רייע פּיעסן. צווישן אַנדערע: „די מוטער" פון קאַרעל טשאַפּעק, „פרוי אַדוואָקאַט" פון ווערנעיל, „דער שאָטן" פון ניקאָדעמי, „פאָטער" פון סטרינדבערג, „מירעלע אפרת" פון י. גאָרדין, „פרויד'ס טעאָריע" פון צווווידזשינסקי, און לעצטנס „אין די וויסטעס פון נגב" פון י. מאָסינזאָן.

דאָס איז, אין די קירצסטע שטריכן, רחל האָלצער'ס טעאַטער־אַרבעט. געניטער אַרומרעדן די זייער פאַרצווייגטע טעאַטער־טעטיקייט פון דער קינסטלערין פאָדערט אַ גרעסערע אָפּהאַנדלונג. אַן אַרבעט, וואָס וואָלט געדאַרפט אַריין אין די ראַמען פון אַ גרויסער בראָשור.

איצט קלייבט זיך רחל האָלצער ווידער אויף אַ טורניי קיין: ישראל, פראַנקרייך, בעלגיע, האָלאַנד, שוועדן, שווייץ און אין אַ רייע אַנדערע לענדער.

# IN THE DESERT OF THE NEGEV

A Play in 3 Acts, 6 Scenes

By J. MOSINSON — Yiddish: L. SUCHOWOLSKI

Producer: RACHEL HOLCER — Decor.: A. GURVICH

CAST:

| | |
|---|---|
| Abraham, Commandant of the Kibbutz | S. HOCHGELERNTER |
| Rivkah, his wife | RACHEL HOLCER |
| Dan, their son | M. GOLDBERG |
| Itomar "Mishkist" | I. ROTHMAN |
| Galiah, his daughter | P. KOCHEN |
| Benjamin, "Tarbutnik" | M. DOMBROVSKI |
| Ruth, his wife | D. ROTHMAN |
| Zvikah, Mobilised Hachsharah | J. SHER |
| Shosh, Palmach member | S. BRUSTMAN |
| Baruch, Military Commander | B. ROSENBERG |
| Moshe, in charge of the Poultry Farm | S. KING |
| Journalist | A. ROSENBERG |
| 1st Soldier | CH. GOLDAB |
| 3rd Soldier | A. SHADUR |

Make-up: S. BRUSTMAN

Sound Effects: J. KAV-VENOKI

★

Intervals after Act I (2nd scene) and Act II (4th scene)

★

Stage Manager: JACK WILKINSON

Properties: SYBIL WALTON

Stage Technician: PETER DEAS

# אין די וויסטעס פון נגב

פיעסע אין 3 אקטן, 6 בילדער

פון י. מאסינזאן — יידיש פון ל. סוכאוואלסקי

רעזשי: רחל האלצער — דעקאראציעס: א. גורוויטש

## ס׳שפילן

| | |
|---|---|
| אברהם, קאמענדאנט פון בקעת־יואב | ש. האכגעלערנטער |
| רבקה, זיין פרוי | רחל האלצער |
| דן, זייער זון | מ. גאלדבערג |
| איתמר, „משק׳יסט" | י. ראטמאן |
| גליה, זיין טאָכטער | פ. קאכען |
| בנימין, „תרבות׳ניק" | מ. דאמבראווסקי |
| רות, זיין פרוי | ד. ראטמאן |
| צביקה, פון דער מאָביליזירטער הכשרה | י. שער |
| שוש, פלמ"ח | ס. ברוסטמאן |
| ברוך, מיליטערישער קאָמאנדיר, הכשרה | ב. ראזענבערג |
| משה, עופות־אויפזעער | ש. קינג |
| זשורנאליסט | א. ראזענבערג |
| 1טער זעלנער | ח. גאלדאב |
| 2טער זעלנער | א. שאדור |

כאראקטעריזאציע: ז. ברוסטמאן

קלאנג־עפעקטן: י. קו-ונקי

איבעררייסן: נאכן 1טן אקט (בילד 2) און 2טן אקט (בילד 4)



S. HOCHGELERNTER
Abraham
ש. האכגעלערנטער
אברהם



I. ROTHMAN
Itomar
י. ראטמאן
איתמר



B. ROSENBERG
Baruch
ב. ראזענבערג
ברוך

# אינהאלט פון דער פּיעסע

## ערשטער אַקט

דער קיבוץ בקעת־יואב אין נגב. צביקה, אַ מיטגליד פון דער מאָביליזירטער הכשרה, העלפט בנימינ׳ען דעם „תרבות׳ניק“ אַרויסצוגעבן אַ ביולעטין.

דן, דער זון פון אברהמ׳ען, דעם קאָמאַנדיר פון קיבוץ, קערט זיך אום פון יד־מרדכי, וואוהין ער האָט געהאָלפן עוואַקואירן די קינדער, און דערציילט גליה׳ן, דער טאָכטער פון משק און זיין כלה, וועגן זיינע איבערלעבונגען. דערווייל קומט אָן די קאַלאָנע, וועלכער מ׳האָט אַזוי אויסגעקוקט. מיט דער קאַלאָנע קומט אויך שוש, אַ געוועזענע חברה פון דער מאָביליזירטער הכשרה און איצט אַ מיטגליד פון פלמ״ח. די יונגוואַרג טיילן זיך מיט זייערע דעראינערונגען.

אַ שרפה. אברהם, דער קאָמאַנדיר פון קיבוץ, און ברוך, דער קאָמאַנדיר פון דער מיליטערישער אָפּטיילונג, האַלטן, אַז ס׳איז דאָ אַ געפאַר דער שונא זאָל זיך באַהאַלטן אין די תבואה־פעלדער.

דער משק איז אַרומגערינגלט. די מענטשן געפינען זיך אין די בונקערס. די לאַגע איז קריטיש. איתמר, דער „משק׳יסט“, טענה׳ט, אַז מ׳דאַרף פאַרלאָזן דעם משק, ווייל אין די באַדינגונגען איז נישטאָ קיין אויסזיכט זיך קעגנצושטעלן.

אברהם און זיין פרוי רבקה פאָדערן צו קעמפן אפילו אַרומגערינגלטערהייט.

דער אויסקוק־טורם ווערט באַשעדיקט. מ׳ברענגט אַ פאַרוואונדעטן בנימינ׳ען, וועלכער פאָדערט מ׳זאָל דעם פונקט נישט אויפגעבן.

## צווייטער אַקט

די אַרומרינגלונג דויערט. ערב־שבת. דאָס לעבן ווערט פאָרגעזעצט אויך אין די בונקערס. דן זאָגט אָן זיין פאָטער וועגן זיין באַשלוס חתונה צו האָבן מיט גליה׳ן. די באַציאונגען צווישן איתמר׳ן, גליה׳ס פאָטער, און אברהמ׳ען ווערן אַלץ אָנגעשטרענגטער. איתמר באַשולדיקט אברהמ׳ען אין אומברענגען דעם משק. די לאַגע פון פאַרוואונדעטן בנימין פאַרערגערט זיך. רות, זיין פרוי, בעט זיך מ׳זאָל אים ראַטעווען און עוואַקואירן פון משק. עס זענען דאָ פאַרוואונדעטע צווישן די מיליטער־לייט. דער דאָקטאָר פאָדערט צו עוואַקואירן די פאַרוואונדעטע אין אַ שפּיטאָל. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז אַלע שאָפערן פון משק זענען אַוועק מיט דער קאַלאָנע קיין דרום. דער איינציקער שאָפער, וועלכער איז געבליבן אין משק, איז דן. אברהם באַשליסט שיקן זיין אייגענעם זון, כדי דורכצורייסן דעם שונא׳ס ליניע און עוואַקואירן די פאַרוואונדעטע. ברוך, דער קאָמאַנדיר פון דער מיליטערישער אָפּטיילונג, באַמיט זיך אויפצווייזן, אַז דאָס האָט נישט קיין אויסזיכט אויף דערפאָלג. אברהם האַלט זיך אָבער ביי זיין מיינונג. בנימין בעט זיך מ׳זאָל אים נישט עוואַקואירן. קעגן זיין ווילן ווערט ער אָבער אַריבערגעטראָגן צום אויטאָ.

## דריטער אַקט

צביקה קערט זיך אום פון דורכרייס און דערציילט ווי אַזוי די פאַרוואונדעטע האָבן זיך געראַטעוועט, אָבער דער אויטאָ איז פאַרברענט געוואָרן און דער שאָפער ליגט טויט, נעבן דער מאַשין. גליה פאָדערט מ׳זאָל צונעמען פון פעלד דנ׳ס קערפּער. אָבער דאָס איז אוממעגלעך.

איתמר פאַרלאָזט דעם פונקט אויף זיין אייגענער אחריות, אָן דער דערלויבעניש פון דער אָנפירערשאַפט. אברהם באַשולדיקט אים אין פאַרראַט, אָבער רבקה גלויבט נאָך אין איתמר׳ן און איז נישט מסכים מיט אברהמ׳ען. די באַטעריעס גייען אויס. די שפּייז־ראַציעס און דאָס געווער נעמען זיך אויס. אברהם לייגט פאָר צו אַטאַקירן, כדי צו פאַלן אין שלאַכט און נישט ווערן אויסגעשאָכטן. איתמר ברענגט צוטראָגן אויף זיין רוקן דנ׳ס קערפּער.

דער ראַדיאָ גיט איבער די גוטע בשורה, אַז הילף קומט. עס באַווייזן זיך עראָפּלאַנען, אָבער נישט דעם שונא׳ס, נאָר אייגענע. דער קיבוץ וועט זיין פריי.

# SYNOPSIS

## ACT I.

Scene in a Kibbutz in the Negev. Zvikah, a member of the mobilised Hachsharah, is busy helping Benjamin, the Tarbutnik, to edit a bulletin.

Meanwhile, Dan, the son of Abraham, commandant of the village, returns from Yad Mordechai where he has helped evacuate children, and he tells of his experiences, to Galiah his fiancee, and all the others.

There is a conflagration. Abraham and Baruch, commanders of the village and troops respectively, have decided to burn the crops because they fear the enemy might hide there.

The situation is critical, but Abraham and his wife Rivkah, favour continuing the fight. While they argue, the observation tower is hit.

Benjamin, who is wounded, is brought in and demands that the place be held, come what may.

## ACT II.

The siege continues. It is Sabbath eve. Life continues in the trenches. The strenuous conditions aggravate the enmity between the prospective in-laws Abraham and Itomar (father of Galiah), who accuses Abraham of responsibility for the impending disaster.

Benjamin's condition worseus. Ruth, his wife, begs everyone to save her husband and to take him away from the Meshek.

There are several wounded among the soldiers. The doctor orders their evacuation to a hospital, but it turns out that all the chauffeurs except Dan are gone.

Abraham decides that his own son should make the attempt to break through the cordon and to save the wounded. Baruch, the military commander, tries to persuade him that there isn't a chance, but Abraham insists.

Benjamin asks to stay, but is carried to the car against his will.

## ACT III.

Zvikah returns from the break-through, and reports how the wounded managed to save themselves, although the car was burned and the driver lying dead next to it.

Galiah demands that Dan's body be brought in from the field, but this is patently impossible.

Itomar leaves the place on his own initiative, without permission from the commanders.

Abraham maintains that he is bent on treachery but Rivkah, his wife, disagrees with him. She trusts Itomar.

The batteries have become silent. The villagers have run out of food, ammunition and rifles. Abraham suggests they should attack, to die fighting rather than wait to be butchered.

Itomar brings in Dan's body. The wireless delivers good news of help coming. Air planes are heard, not the enemy's this time. The Kibbutz will be saved after all.



J. SHER
Zvikah
י. שער
צביקה



S. BRUSTMAN
Shosh
ס. ברוסטמאן
שוש

C. BRO
104 FLINDERS L
*With the complim*

M. GOLDBERG
Dan
מ. גאלדבערג
דן



P. KOCHEN
Galiah
פ. קאכען
גליה